A
JEWISH
CANADIAN
DAILY
Circulated
All Over
CANADA
And Abroad

THE HEBREW JOURNAL

דער אידישער זשורנאל

פאליטיש
אומאפהענגיג
נאציאנאל.

א צייטונג וועלכע גיט
פרייהייט פון אויסדרוק
צו אלע שיכטען.

VOLUME XII No. 4595 ONTO WEDNESDAY OCTOBER 14, 1925 — יום ד' כ"ו תשרי, פרשה בראשית, תרפ"ו. — טאראנטא, מיטוואך דער 14־טער אקטאבער, 1925. — PRICE THREE CENTS

THE NEW YORK PUBLIC LIBRARY
OCT 17 1925
ASTOR, LENOX AND TILDEN FOUNDATION

N. Y. Public Library
476 Fifth Ave.

פוילישע רעגיערונג וועט ניט נעהמען אין אכט „קאלאס" אפאזיציע באשלוס

פוילישער פרעמיער אין אן אינטערוויו מיט דער „איטא", זאגט אז דער פויליש־אידישער אפמאך איז געמאכט געווארען אונקאנדיציאנעל, דערפאר וועט דער קאלא באשלוס ניט האבען קיין ווירקונג אויף דער רעגירונג. — פאראורטייל געגען אידען אין פוילען קען אזוי שנעל ניט אפגעשאפען ווערען.

ווארשא, אקטאבער, 13, (איטא).

די פוילישע רעגיערונג וועט פארזעצען דורכצופיהרען דעם פויליש - אידישען אפמאך טראצדעם וואס די אידישע רעפּוטאטען האבען זיך געשטעלט אויף דער זייט פון דער אפאזיציע.

אזוי האט היינט ערקלעהרט דער פוילישער פרעמיער גראבסקי אויף אן אנפראגע וועלכע איז ביי איהם געמאכט געווארען פון א „איטא" קארעספאנדענט.

די דאזיגע ערקלעהרונג איז ארויסגעגעבען געווארען פונ'ם פרעמיער נאכדעם ווי דער פארזיצענדער פון דער „קאלא" האט ערקלעהרט, אז די אידישע דעפּוטאטען וועלען זיך צוריק שטעלען אין דער אפאזיציע צו דער רעגיערונג דערפאר וואס דער אפמאך ווערט ניט דורכגעפיהרט.

די רעגיערונג האט קיינמאהל ניט געשלאסען אזא אפמאך מיט דער „קאלא", אז פאר געוויסע פונקטען קען זי שטעהן אויף דער אדער דער צווייטער זייט. דער אפמאך איז געווען אן אונקאנדיציאנעלער, און די רעגיערונג וועט טאן אלעס אין איהר מאכט איהם דורכצופיהרען, ניט אכטענדיג וואס די „קאלא" וועט טאן. דאס איינציגע זאך וואס די רעגיערונג פארלאנגט פון די אידען איז צו זיין טריי צום לאנד.

טענות ניט בארעכטיגט

דער פוילישער פרעמיער רעכנט אז אויף פיעלע זאכען אויף וועלכע די אידען באקלאגען זיך זענען ניט קיין באגרינדעטע. איבערהויפט וועגען דער פראצענט־נארמע אין די שולען.

עס איז א פאקט האט דער פרעמיער פארגעזעצט אז דעם 25־טען סעפטעמבער האט דער פוילישער בילדונגס מיניסטער פאנאנדערגעשיקט צירקולארען צו אלע אוניווערזיטעטען, אין וועלכע עס איז דייטליך באטאנט געווארען, אז קיין פראגע וועגען רעליגיאן אדער נאציאנאליטעט זאל באטראכט ווערען ביים אריינעהמען סטודענטען.

דעם 7־טען אקטאבער האט ער זיך ווידער בארא[טען] מיט די פיהרער פון די פארשיעדענע בילדונגס אנשטאלטען וועגען דעם, אבער אין דער זעלבער צייט מוז קלאהר פארשטאנען ווערען אז די רעגיערונג קען זיך ניט אריינמישען אין דעם הויפט פרינציפ פון אויטאנאמיע, וועלכע די אוניווערזיטעטען האבען און דיקטירען זיי דורך וועלכע קוואליפיקאציעס סטודענטען זאלען אריינגענומען ווערען.

פאראורטייל קען שנעל ניט אפגעשאפען ווערען

אויב א פאראורטייל עקזיסטירט, האט דער פרעמיער פארגעזעצט, קען עס ניט אפגעשאפען ווערען מיט בלויז א שטריך פון דער פען. דאס מוז לאנגזאם באקעמפט ווערען דורך איבערצייגען אויף ווי ווייט אזעלכע פאראורטיילע זענען אומגערעכט.

לעאן טראצקי איז ווידער געצוואונגען צו נעהמען א וואקאציע

דאס מאהל איז אבער צוליעב זיין געזונט צושטאנד. — האט צוזאמענגעבראכען אונטער שווערע ארבייט.

מאסקווע, אקטאבער, 13.

לעאן טראצקי האט זיך ווידער געמוזט צוריקציהען פון זיין טעטיגקייט אין דער סאוויעטען רעגיערונג. דאס מאהל ווערט פארזיכערט, איז עס ניט צוליעב דעם וואס ער איז א „מורד במלכות", נאר איינפאך דערפאר וואס ער האט צוזאמענגעבראכען אונטער'ן יאך פון זיין שווערער רעגיערונגס ארבייט.

ווי עס ווערט ערקלעהרט האבען די דאקטוירים איהם באפוילען זיך אפצורוהען און ער איז אפגעפאהרען נאך קיסלאוואדסק, קאווקאז, און דארטען וועט ער זיך ערהוילען.

ווי באוואוסט האט זיך טראצקי צוריקגעקעהרט פון „גלות" לעצטען מאי און איז געווארען דער קאמיסאר פון „עקאנאמיע" אין דער סאוויעטען רעגיערונג. עס ווערט פארזיכערט, אז ער האט געארבייט אונערמידליך ניט ווייניגער ווי 18 און 20 שטונדען יעדען טאג. ער האט אויסגעארבייט פלענער ווי אזוי איינצופיהרען עלעקטרישע באלייכטונג איבער גאנצע רוסלאנד, און אונטער דער דאזיגער שווערער ארבייט האט ער צוזאמענגעבראכען.

דייוויס נייער קריעגס מיניסטער

וואשינגטאן, אקטאבער, 13.

דווייט דייוויס פון סיינט לואיס איז היינט פון פרעזידענט קולידזש באשטימט געווארען אלס אמעריקאנער קריעגס מיניסטער, אויפ'ן פלאץ פון דזשאהן וויקס וועלכער האט צוליעב קראנקהייט געמוזט רעזיגנירען פון זיין פלאץ.

ארום די פעדעראלע וואהלען

גיט ניט קיין שאנס די קאנסערוואטיווען

א פאליטישער שרייבער פון א היגער גרויסער ענגלישער צייטונג האט ספּעציעל באזוכט א פולע וואך אין דער פראווינץ קוויבעק צו שטודירען דארטען די פאליטישע לאגע. אין אן ארטיקעל וועלכען ער האט יעצט פארעפענטליכט זאגט ער, אז די קאנסערוואטיווע פארטיי האט קיין שאנס ניט צו ערוועהלען אפילו איין מיטגליד פון קוויבעק און אז קוויבעק וועט ערוועהלען 65 ליבעראלען.

דער שרייבער געהט אפילו ווייטער ווי די נאציאנאלע הויפט קווארטיר פון דער ליבעראלער פארטיי וועלכע דענקט. אז ארום 6 קאנסערוואטיווע מיטגלידער וועלען ערוועהלט ווערען.

מען שטעלט צו און מען נעהמט ארונטער נעמען

די רעדזשיסטרארען האלטען נאך אין צושטעלען און ארונטערנעהמען נעמען פון די ליסטען פון שטים געבער, אין סענטער וועסט טאראנטא, וואו דער הויפט טומעל וועגען אזעלכע נעמען זענען געמאכט געווארען, זענען ביז יעצט שוין ארונטערגענומען געווארען 4 טויזענט נעמען.

גירי פארנאכלעסיגט ניט זיין אמט

קארפארייש[אן] קאנסול גירי, וועלכער איז דער קאנסערוואטיווער קאנדידאט אין סאוט וועסט טאראנטא, האט נעכטען ערקלעהרט, אז זיין קאנדידאטור שטערט איהם ניט צו ערפילען זיין אמט אין סיטי האל.

אייניגע האבען געוואלט מאכען דערפון אן אישו, אז אין דער צייט ווען גירי איז א קאנדידאט נעהמט ער פון שטאדט געהאלט.

גירי האט ערקלעהרט אז זיין קאמפּיין ארבייט טוט ער ביינאכט אזוי, אז ביי טאג קען ער טאן זיין געוועהנליכע ארבייט פאר דער שטאדט.

פרעמיער אין נארט בעי

פרעמיער קינג נעפינט זיך שוין יעצט אין נארט בעי און פיהרט אן זיין קעמפיין אין צפון אנטעריא, אויפ'ן וועג איז דער פרעמיער אויף פיעלע סטאנציעס באגעגנט געווארען פון דעלעגאציעס. דער פרעמיער אפעלירט אין בעראל פאר נאציאנאלער איינהייט, און פארגעסט ניט צו בעטען מען זאל זיין רעגיערונג ווידער ערוועהלען.

מאכען א קאנטער אטאקע

פעז, מאראקא, אקט. 13.

די ריפען אין מאראקא האבען יעצט אנגעהויבען א קאנטער אטאקע אויף זייערע פארלוירענע פאזיציעס ארום אדזשיר, די געוועזענע הויפט שטאדט פון די רעבעלען וועלכע די שפאניער האבען פארנומען.

לעאן טראצקי.

ווערט גרוי באגעהט זי זעלבסטמארד

לאנדאן, אקטאבער, 13.

מערי האבס, 44 יאהר אלט איז דא היינט באגאנגען זעלבסטמארד דערפאר וואס נאך א לענגערער קראנקהייט איז זי גרוי געווארען און עקספערטען האבען איהר געזאגט, אז מען קען איהרע האר ניט פארבען.

„אויב א גרויע", שרייבט זי אין א בריעף, וועלכען זי האט איבערגעלאזען, „וויל איך בעסער ניט לעבען".

א פארשטענדיגונג צווישען פוילען און רוסלאנד

לאקארנא, אקטאבער, 13.

צווישען די היגע דיפלאמאטען רעדט מען, אז דער פוילישער אויסערן מיניסטער סקרושינסקי איז געפאהרען נאך מאסקווע צו רעווידירען דעם ריגער רוביש־פוילישען אפמאך, און קומען צו א פארשטענדיגונג אז די דאזיגע צוויי לענדער זאלען ניט פיהרען קיין קריעג צווישען זיך, און דערפאר וועט פוילען געבען רוסלאנד גרענעץ קאנצעסיעס.

האנדע[illegible] אפמאך צווישען דייטשלאנד און רוסלאנד ענדליך געשלאסען

דאס איז דער ערשטער פאלשטענדיגער אפמאך צווישען סאוויעטען רוסלאנד און א קאפיטאליסטישער מדינה. — ביידע צדדים זענען צופריעדען. — דער אפמאך איז עטוואס מעהר ווי א האנדעלס־אפמאך.

מאסקווע, אקטאבער, 13.

א האנדעלס - אפמאך צווישען דייטשלאנד און רוסלאנד איז דא היינט געשלאסען געווארען. דאס איז דער רעזולטאט פון פארהאנדלונגען וועלכע זענען וועגען דעם געפיהרט געווארען פאר די לעצטע צוויי יאהר.

דער אפמאך באציהט זיך טאקע בלויז אויף האנדעל, אבער ער ענטהאלט אויך אנדערע פונקטען.

אין רוסלאנד ווערט דער אפמאך באטראכט אלס דער ערשטער צווישען דער סאוויעטען רעפובליק מיט א קאפיטאליסטישער לאנד.

פאר דייטשלאנד איז דער אפמאך אונטערגעשריעבען געווארען פון גראף פאן אולריך בראנקדראף ראנדזאו, דער דייטשער אמבאסאדאר אין רוסלאנד און דר. קארנער, דער פארזיצענדער פון דער דייטשער עקאנאמישע דעלעגאציע.

פאר סאוויעט רוסלאנד האט אונטערגעשריעבען מאקסים ליטווינאוו, דער אויסלענדישער געהילפס קאמיסאר און האנעצקי, דער פארזיצענדער פון דער רוסישער דעלעגאציע.

דער אפמאך אנערקענט די פונקטען פון דער „ראפאלא טריטי" און די הויפט פון די אנדערע פונקטען זענען:

די סאוויעטען רעגיערונג האט פולען האנדעלס מאנאפאל. וואס עס איז שייך דעם אינגווניגסטען האנדעל אין דייטשלאנד, אינדיווידועלע דייטשע פירמעס האבען א רעכט פריי צו האנדלען אין רוסלאנד.

אייזענבאהן פארקעהר פאר האנדעלס צוועקען פריי אין ביידע לענדער.

שיפען פון ביידע לענדער האבען פולע רעכט אין די פארטען פון די צוויי לענדער, פונקט ווי אייגענע שיפען.

עס זענען אויך דא פונקטען וועגען עקסטרא טעריטאריעלע רעכט פאר האנדעלס דעלעגאציעס פון ביידע לענדער.

דייטשע באנק הייזער האבען פאר'ן אפמאך אויך געגעבען רוסלאנד א קרעדיט פון 75 מיליאן גאלד מארקס.

רוסען האבען זיך צוגעכאפט צום ביטערען טראפען

מאסקווע, אקטאבער, 13.

די רוסען האבען זיך ווי עס זעהט אויס צופיעל צוגעכאפט צום ביטערען טראפען צייט עס איז ווידער ערלויבט געווארען, און די רעגיערונג האט זיך געפיהלט געצוואונגען צו מאכען געוויסע רעסטרוקציעס.

אזוי האט די רעגיערונג באפוילען אז זונטאג און יום טוב טאג קיין בראנפען ניט פארקויפט ווערען, — דער וואס וועט געפונען ווערען שכור וועט שטרענג באשטראפט ווערען.

אין מאסקווע אליין זענען שוין אכט מענשען געשטארבען פון צופיעל טרינקען דעם נייעם בראנפען. די רעגיערונג ווארנט אויך געגען טרינקען „סאמאגאנקע" (אייגענע געמאכטע).

געשוואוירענער פלוצלינג געשטארבען פון הארץ־שלאג ביים שטייגער פראצעס

פראצעס ווערט באלד אפגעשטעלט. — באשולדיגונגס אקט פארנעהמט א שטונדע צו לייענען. — שטייגער ערקלעהרט אז ער האט קיינמאהל קיין קאמוניסט ניט געזעהען, און אז ער אליין איז גאר א ציוניסט.

לעמבערג, אקטאבער, 13, (איטא).

דער שטייגער פראצעס איז פלוצלונג איבערגעריסען געווארען צוליעב דעם וואס איינער פון די געשוואוירענע, זשולאקעוויטש, א פאליאק, איז פלוצלונג געפאלען טויט אין געריכט זאל. ער איז געשטארבען פון א הארץ־שלאג. דער פראצעס איז גלייך אפגעשטעלט געווארען ביז מיטוואך.

די געשוואוירענע באשטעהען פון 10 פאליאקען, 2 אוקראינער, איין איד און צוויי פון אנדערע נאציאנאליטעטען.

דער ריכטער איז פרענק און דער פראקוראר, הארניעוווסקי.

פאר דער פארטיידיגונג שטעהען די פאלגענדע אדוואקאטען: לעווענשטיין, גרעק, לאנדאו, סענאטאר רינגעל און ראזענקראנץ.

אנגעקלאגטער זאגט ער איז א ציוניסט

שטייגער, דער אנגעקלאגטער איז בראכט געווארען אין געריכט גאנץ אנשטענדיג געקליידעט. ער האלט זיך גאנץ געלאסען און מוטיג.

ווידער איז היינט דער געריכט זאל געווען איבערגעפאקט פון נייגעריגע און טויזענטער זענען געבליבען שטעהן אין דרויסען ניט קענענדיג אריינגעהן.

דער באשולדיגונגס אקט האט גענומען א פולע שטונדע איבערצולייענען און גלייך נאכדעם האט זיך אנגעהויבען שטייגער'ס קרייז־פארהער.

שטייגער האט ערקלעהרט, אז ער איז ניט שולדיג, און דערצעהלענדיג זיין לעבענס - געשיכטע, האט ער געזאגט, אז ער' איז א ציוניסט און ניט קיין קאמוניסט, און דאס איינציגע מאהל ווען ער האט געזעהען א קאמוניסט איז ווען ער איז געזעסען אין געפענגניש.

פאדערט אן אפלייקענונג

אדוואקאט גרעק, פאר דער פארטיידיגונג האט געפאדערט אן אפלייקענונג פון דער ערקלעהרונג וועלכע די אנטיסעמיטישע צייטונג „גאזעטא קארזיענא" האט ארויסגעגעבען, אז שטייגער האט זיך געוואלט ארויסדרעהען אפילו פון א משפט.

דער פארזיצענדער ריכטער האט ערקלעהרט אז דער באריכט איז א פאלשער.

אפרים צימבאליסט האט זיך ניט נע'שמד'ט

ניו־יארק, אקטאבער, 13, (איטא).

אפרים צימבאליסט, דער בארימטער פידעל שפילער האט היינט פאר א קארעספאנדענט פון דער „איטא" אפיציעל אפגעלייקענט דעם קלאנג וועלכער האט זיך פארשפרייט אז ער צוזאמען מיט זיין פרוי אלמא גלוק האבען אנגענומען דעם קאטוילישען גלויבען.

דער באריכט וועגען דעם האט זיך פארשפרייט אין דער ענגלישער אפטיילונג פון דער „אידישער טאגעבלאט". צימבאליסט האט ערקלעהרט, אז די גאנצע געשיכטע איז אן אויסגעטראכטע.

ברייטבארט'ס טויט באדויערט

וויען, אקטאבער, 13, (איטא).

זישא ברייטבארט'ס טויט ווערט דא זעהר שטארק באדויערט. די גאנצע פרעסע שרייבט לאנגע נעקראלאגען וועגען איהם.

די פרעסע שרייבט אז דער פארשטארבענער איז געווען דער פאפולערסטער מענש אין עסטרייך.

„איקא" וועט אויסלייהען הונדערט טויזענט דאלאר

ריגא, אקטאבער, 13, (איטא).

לויט אן אפמאך צווישען דעם „קאמזעט" און דער „איקא" פארפליכטעט זיך די „איקא" צו געבען א קרעדיט אין די קומענדע 12 חדשים פון 100 טויזענט דאלאר אויף דריי פראצענט פאר אידישער קאלאניזאציע אין רוסלאנד.

דער דאזיגער אפמאך קען ניט אריין אין קראפט ביז ער ווערט ראטיפיצירט פונ'ם הויפט „איקא" אפיס אין פאריז.

די אוקראינער רעגיערונג האט געליהען 12 טויזענט פוד זריעה די אידישע קאלאניסטען אין כערסאנער געגענד.

פאליציי שעף ארעסטירט

מיאמאיעווסקי, דער פאליציי שעף פון טשערניגאווער געגענד, איז ארעסטירט געווארען פאר פארפאלגען אידען.

מיאמאיעווסקי האט ערקלעהרט, אז ער וואלט געוואלט ארויסטרייבען אלע אידען פון רוסלאנד נאך פאלעסטינא.

פארזאמלונג פון לאקאל 35 קלאוקמאכער ענדיגט זיך מיט א סקאנדאל

פראגע פון אנגעהמען אדער צוריקווייזען די רעזיגנאציע פונ'ם מענעדזשער פון לאקאל 35 אין עקזעקוטיווע ענדיגט זיך אין א מיאוסען געשלעג. — 8 מענשען ערנסט פארוואונדעט און זעקס ארעסטירט. — מעסער און שטוהלען זענען באנוצט געווארען פון די צדדים. — פאסירונג מאכט א שלעכטען איינדרוק

ניו־יארק, אקטאבער, 13, (איטא).

די רעזיגנאציע פון דזשאזעף באסאף, דער מענעדזשער פון לאקאל 35 צוזאמען מיט דער עקזעקוטיווע, האט זיך נעכטען געענדיגט מיט א גרויסען סקאנדאל ביי א פארזאמלונג אין „פארווערטס" האל.

דער פרעסער לאקאל 35 פון דער קלאוקמאכער יוניאן איז צוטיילט צוליעב זיין גרויס אין פיער טיילען. איין טייל האט זיך נעכטען פארזאמעלט אין „פארווערטס" האל, מיט'ן צוועק אנצונעהמען אדער צוריקווייזען די רעזיגנאציע פון דער עקזעקוטיווע מיט'ן מענעדזשער, וועלכע האבען רעזיגנירט צוליעב די סיסטעמאטישע באשולדיגונגען וועלכע זענען געגען די דאזיגע בעאמטע געמאכט געווארען.

די פארזאמלונג האט זיך געעפענט אונטער'ן פארזיץ פון מאריס פארמאן, און ארום 800 מיטגלידער זענען אנוועזענד געווען.

ווילען ניט הערען ריידען

ווען די פראגע פון דער רעזיגנאציע איז גענומען געווארען צו פארהאנדלען האבען אייניגע מיטגלידער געגעבען דאס ווארט צו ערקלעהרען די סיטואציע. אויף דעם האבען זיך אויפגעשטעלט אנדערע און האבען געשריהען: „מיר ווילען ניט הערען קיין רעדען לאמיר עס נעהמען צו שטימען".

א ווארט פאר א ווארט און א געשלעג האט אויסגעבראכען.

די פארזאמעלטע האבען זיך באנוצט מיט אלעם וואס עס איז זיי געקומען צו האנט. די וועלכע האבען ניט אנטייל גענומען אינ'ם געשלעג, האבען געזוכט צום האנט אין זייערע „שלאגענדע" ארויסצוגעהן פון האל און עס איז געווארען א געדרענג ארום די טירען.

ווייל די פארזאמלונג איז געווען אויפ'ן דריטען שטאק אין דער „פארווערטס" געביידע האט מען די געשריען דערהערט אין גאס.

די רעזערוו פאליציי איז ארויסגערופען געווארען און 50 פאליציסטען און דעטעקטיווס האבען שווער געארבייט פולע 10 מינוטען איידער עס איז איינגעשטעלט געווארען ארדנונג.

אכט מיטגלידער זענען ערנסט פארוואונדעט געווארען, און זעקס זענען ארעסטירט געווארען.

מעסער און ביינקלאך באנוצט

ווי די פאליציי פארזיכערט זענען מעסער און פוסלאך פון שטוהלען גענוצט געווארען צווישען די שטרייטענדע צדדים.

די פאסירונג האט געמאכט א זעהר שלעכטען איינדרוק. אין די רייהען פון דער קלאוקמאכער יוניאן, איבערהויפט יעצט ווען נאר וואס איז פריעדען געשלאסען געווארען און דער ברודער־קאמף וועלכער האט אנגעהאלטען דריי חדשים האט זיך געענדיגט.

איז הרצל צוריק געווארען א איד?

לאנדאן, אקטאבער, 13, (איטא).

עס איז זעהר מעגליך אז האנס הרצל, דער זוהן פונ'ם פארשטארבענעם ציוניסטישען פיהרער דר. טהעאדאר הרצל איז צוריק געווארען א איד.

פאר א קארעספאנדענט פון דער „איטא" האט ער זיך אויסגעדריקט:

„איך באטראכט זיך ניט לייגנער צו זיין אונטערווארפען דעם קאטוילישען גלויבען!"

עס איז ניט קלאהר אויב ער איז געווארען צוריק א איד אדער נאך א גרעסערער „אפיקורס".

ער איז טויט, קען ער קיין ארבייט ניט באקומען

לאנדאן, אקטאבער, 13.

ווייל ער איז אפיציעל פארשריבען געווארען אלס טויט, האט זיך א געוועזענער קענעדער סאלדאט געווענדעט צו דער רעגיערונג, נאך שטיצע.

מעהר ווי זיין טויט צייגעניש האט ער ניט געראט ווען מען האט איהם געפרעגט ווער ער איז. ער האט אויך געקענט באווייזען אויף א מצבה וועלכע די רעגיערונג האט איהם געשטעלט אויפ'ן לאנדאנער בית עולם פאר אומגעקומענע סאלדאטען.

משה ראזענבערג ע"ה

סטעטין פאלס, אנטאריא, איז נעכטען געשטארבען. די לויה וועט זיין היינט פינקט 12 א זייגער פון 93 מארקהאם סטריט.

אלע מיטגלידער פון דער חברה סיק בענעפיט סאסייטי, וואו דער פארשטארבענער איז געוועזען א מיטגליעד ווערען אויפגעפאדערט צו זיין ביי דער לויה אין צייט.